בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגור שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

סעודה שלישית פר' לך לך
תשפ"ג מאמר ב

יו"ל פר' לך לך תשפ"ד



# נתנדב לזכר נשמת
# רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

## "גחלי אש"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

## "בם חייתני"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין פסוק (יג, ו) 'ולא נָשָׂא אותם הארץ לָשֶׁבֶת יחדו כי היה רכושם רב ולא יכלו לָשֶׁבֶת יחדו', לכאורה וואלט געדארפען שטיין **ולא 'נשאה' אותם** בלשון נקבה, ווייל עס גייט דאך ארויף אויף דיווארט 'הארץ' וואס איז א לשון נקבה, דעריבער טייטשט רש"י 'לא היתה יכולה להספיק מרעה למקניהם, ולשון קצר הוא, וצריך להוסיף עליו כמו ולא נשא אותם 'מרעה' הארץ, לפיכך כתב ולא 'נשא' בלשון זכר'. און ס'איז זיכער אז ס'נישט אומזיסט דאס וואס דער פסוק איז געשריבען געווארען אין א לשון קצר - און ס'פעלט א ווארט, ווייל די תורה איז 'תורת ה' תמימה', און אין יעדער זאך ליגט באהאלטען א טעם, א טיפקייט און א אינזיכט.

**וי"ל** אז מ'קען נישט געבען צו פארשטיין וואס איז געווען די גורם פארוואס זיי האבען נישט געקענט זיצען צוזאמען, ווייל אברהם מיט לוט זענען צוויי הפכים, און יעדער איינער פון זי האבען געזיכט אין ארץ ישראל עפעס אנדערש, אברהם אבינו ווען ער איז געקומען קיין ארץ ישראל האט דארט געזיכט רוחניות, און דאס איז וואס ס'האט איהם געפעלט ווען ער איז געווען צוזאמענט מיט לוט - ווייל כל זמן וואס לוט איז געווען מיט איהם, האט דער אייבערשטער נישט גערעדט מיט איהם - הדיבור פרש ממנו (רש"י יג, יד), און מ'קען נישט מסביר זיין און זאגען אז ס'האט געפעלט פאר אברהם אבינו מרעה - פלאץ צו פאשען, אבער ווידער קען מען אויך נישט זאגען אז ס'האט געפעלט רוחניות, ווייל לוט האט בכלל נישט געזיכט קיין רוחניות, און זיי זענען צוויי הפכים - און דאס איז דער עיקר זאך וואס ס'האט זיי געשטערט צו זיצען צוזאמען, ווייל רוחניות מיט גשמיות זענען צוויי פארקערטער זאכען. און דערפאר האט דער פסוק מקצר געווען און געשריבען 'ולא **נשא** אותם הארץ לשבת יחדו' - ד. ה. דאס צוזאמענט שטויס צווישען רוחניות און גשמיות דאס האט זיי נישט געלאזט זיצען צוזאמען.

**און** אזוי זעהן מיר אז דאס גאנצער הילוך פון אברהם אבינו ע"ה אין ארץ ישראל איז געווען פאר א רוחניות'דיגע נויט - צו בעטען אויף זיינע קינדער וואס וועלען איבער בלייבען נאך איהם, און משפיע זיין אויף זיי לדורות עולם. ווייל אט שטייט אין פסוק (יב, ו) 'ויעבור אברם בארץ עד מקום שכם עד אלון מורה', זאגט רש"י אז די חשיבות פון די פלאץ

פון שכם איז 'להתפלל על בני יעקב כשיבואו להלחם בשכם', די מלחמה פון די בני יעקב מיט שכם האט געדארפען האבען אסאך סייעתא דשמיא און תפלות פון אברהם אבינו ע"ה, ווייל זיי זענען געווען יחידים אנטקעגען אלע מענטשען פון די שטאט - און ס'איז זיי איבער געגעבען געווארען רבים ביד מעטים. און דער עיקר מלחמה איז געווען אויף גדרי הקדושה, ווייל פון דור המבול און ווייטער האבען אפילו די אומות העולם זיך גודר געווען פון געמיינער זאכען, און זיי זענען געווען די ערשטער וואס האבען צובראכען און פורץ געווען דער ענין וואס זיי האבען זיך גודר אינדעם (רש"י וישלח לד, ז), און דעריבער האבען די בני יעקב געזאגט 'וכן לא יֵעָשֶׂה' (וישלח שם) - נישט נאר ביי די אידישע קינדער, ווייל די פרצה אין גדרי הקדושה איז געווען א פרצה אין דאס מענטשהייט. און אויף די מלחמה אין שכם וואס איז געווען א מלחמה אויפדעם וואס מען האט פורץ געווען די גדרי הקדושה, האט אברהם אבינו ע"ה מתפלל געווען, ווייל דאס איז געווען זיין גאנצער צוועק און אלעס וואס ער האט געזיכט און געוואלט אין ארץ ישראל, און דערפאר איז ער געגאנגען דווקא צו שכם - צו מערען קדושה און רוחניות.

**שטייט** אין חז"ל (סוטה יג:) אז דעריבער האט מען קובר געווען יוסף הצדיק אין שכם (יהושע כד, לב), וויבאלד מען האט איהם געגנב'ט פון שכם דעריבער האט מען איהם צוריק געברענגט קיין שכם, און חז"ל מיינען נישט צו באטאנען אז צוליב דעם האט מען אזוי געטוהן ווייל מיר נעמען אן (ב"ק קיח:) אז מ'דארף צוריק לייגען די גניבה צו די פלאץ פון דער בעל הבית, נאר דער ענין דערפון איז לויט דאס וואס ס'שטייט אין ספה"ק אז 'שכם' איז ראשי תבות שם כבוד מלכותו (עי' שפ"א וישלח תרל"א ועוד בשם החידושי הרי"מ זי"ע), און 'שכם' איז דער פלאץ וואס עס איז דא דארט דעם כח פון יוסף הצדיק אנטקעגען די טומאה מיט די זוהמא, די כוח זיך מתגבר צו זיין אויף די כוחות וואס זענען זיך מתנגד צו קדושה. דארט איז פארגעקומען די ערשטע מלחמה אויף גדרי הקדושה - ווען די בני יעקב האבען זיך געשלאגען אין שכם, דארט האבען זיי קובר געווען די עצמות יוסף - כדי אז די אידען זאלען האבען דעם כוח זיך מתגבר צו זיין אויף די שלעכטס, און אנטפלעקען כבוד שמים, און דארט האט אברהם אבינו געבעטען אויף קדושת ארץ ישראל און אויף די קדושה פון די אידישע קינדער.

**היינט** איז דער יארצייט פון מאמע רחל ע"ה, און אט איז באוואוסט פאר יעדער די געוויין - בכיה פון רחל אמנו ע"ה וואס זי האט געוויינט אויף די

אידישע קינדער בשעת ווען די אידען זענען אראפ געגאנגען אין גלות בבל, און אזוי שרייבט רש"י (ויחי מח, ז) 'יצאת רחל על קברה ובוכה ומבקשת עליהם רחמים, שנאמר (ירמיה לא, יד) 'קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל מבכה על בניה מאנה להנחם על בניה כי איננו', והקב"ה משיבה 'כה אמר ה' מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה כי יש שכר לפעלתך נאום ה' וגו' ושבו בנים לגבולם' (שם, טו-טז)'. און אויסער דעם סארט געוויין, טרעפען מיר נאך א געוויין פון רחל אמנו ע"ה, אזוי וויא רש"י ברענגט אראפ אויפ'ן פסוק (ויצא ל, כב) 'ויזכור אלקים את רחל' - 'שהיתה מצירה שלא תעלה בגורלו של עשו, שמא יגרשנה יעקב לפי שאין לה בנים, ואף עשו הרשע כך עלה בלבו כששמע שאין לה בנים'. און רש"י ברענט צו דאס וואס ס'שטייט אינעם פייט (בחזרת הש"ץ שחרית יום א' דר"ה) 'דְּמָעוֹת מְבַכָּה עַל בָּנִים, קָשְׁבָה מִנְעִי אֵם הַבָּנִים, הָאַדְמוֹן כְּבָט שֶׁלֹּא חָלָה, צָבָה לְקַחְתָּהּ לוֹ וְנִתְבַּהֲלָה'. ד. ה. אז נאך ביים לעבען האט רחל אמנו אנגעהאלטען אינעם וועג פון דאווענען מיט טרערען, אז זי זאל נישט אריין פאלען בחלקו של רשע, און דער אייבערשטער האט אנגענומען איר געבעט וואס זי האט געדאווענט מיט א געוויין און מיט טרערען אין די אויגען געראטוועט צו ווערען פון עשו הרשע, און זוכה זיין אויפצושטעלען תולדות - שבטי י-ה.

**דאס** איז די סארט געוויין וואס מ'דארף האבען אין אלע דורות, און איבערהויפט בשעת מען בויעט א אידישע שטוב - בית נאמן בישראל, דארף מען בעטען און מתחנן זיין און אראפ לאזען טרערען, אז די שטוב וואס בויעט זיך זאל נישט זיין קיין עשו'דיגע שטוב.

**און** אט האט די אנהייב גלות פון די אידישע קינדער ביי עשו'ן זיך אנגעהויבען מיט דעם וואס שלמה האט חתונה געהאט מיט בת פרעה, מיר האבען נישט קיין באגרייף אין שלמה המלך ע"ה, אבער מיר האבען רשות איבער צו חזר'ן דאס וואס ס'שטייט אין חז"ל (שבת נו:) 'בשעה שנשא שלמה את בת פרעה, ירד גבריאל ונעץ קנה בים ועלה בו שירטון ועליו נבנה כרך גדול של רומי'. דעם גאנצען גלות האט זיך אנגעהויבען ווען ס'האט זיך צובראכען און ס'איז נפרץ געווארען די גדרי הקדושה, ווייל ווען עס ווערט געטוהן אזעלעכע סארט ענינים וואס זיי זענען דאס פארקערטע פון קדושה, געבט דאס א כח פאר'ן צווייטער זייט - לצד שכנגד, ווייל אויף די סארט ענינים איז די עיקר קאמפף, און דאס איז די נקודה פונעם מלחמה צווישען די גוט'ס מיט'ן שלעכט'ס.

**און** אינעם המשך פונעם פסוק ווען עס ווערט געשילדערט די גאנג פון אברהם אבינו אין ארץ ישראל שטייט

'והכנעני אז בארץ', זאגט רש"י 'והכנעני אז בארץ - היה הולך וכובש את ארץ ישראל מזרעו של שֵׁם, שבחלקו של שם נפלה כשחלק נח את הארץ לבניו, שנאמר (יד, יח) 'ומלכי צדק מלך שלם', לפיכך ויאמר אל אברם 'לזרעך אתן את הארץ הזאת' (יב, ז) - עתיד אני להחזירה לבניך שהם מזרעו של שם'. דאס גאנצע יחוס וואס די קינדער פון 'שם' האבען געהאט, איז דאס וואס ס'שטייט אין פסוק (נח ט, כב-כג) 'וירא חם וגו', ויקח שם ויפת את השמלה', און רש"י טייטשט 'בשכר ששם נתאמץ במצוה, זכו בניו לטלית של מצוה'. און דער טיפער באדייט דעריין איז אז מצות ציצית האלט צוריק עבירות - מונעת עוון, און ס'איז מבטל דעם כח פונעם יצר, און אזוי וויא חז"ל זאגען (מנחות מד.) מעשה באדם אחד שהיה זהיר במצות ציצית וכו' באו ארבע ציציותיו וטפחו לו על פניו. און דאס איז די כוח וואס איז איבער געבליבען פאר די קינדער פון שם לדורות עולם, אז אויך אויב ס'איז דא א שווערע נסיון, און אמאהל איז מען איינגעזינקען אין שווערע עבירות, און מען ווערט מער און מער איינגעזינקען דעריין, און ס'דא אמאהל אז אויך אויב דער מענטש אליינט איז נישט קיין גרויס'ן עברייון עד כדי כך, מיט דעם אלעם זינקט ער איין אין שווערע זינד צוליב דעם וואס דער גאנצע וועלט איז אזוי פיהל אנגעפילט מיט שלעכט'ס און מיט זוהמא, און פונדעסטוועגען האט א איד דעם כח פון א טלית של מצוה, באו ארבע ציציות וטפחו לו על פניו, די ציצית דערמאנען פאר'ן מענטש: דו געהערסט נישט צו קיין געמיינע זאכען, נאר דו געהערסט צו דברים שבקדושה!

**און** דאס איז וואס ס'שטייט 'והכנעני אז בארץ', אז די מלחמה אויף די גדרי הקדושה האט זיך נישט אנגעהויבען אין שכם, נאר פונדעם וואס דער 'כנעני' איז געגאנגען און ער האט איינגענומען ארץ ישראל פון די קינדער פון שם, ווייל 'שם' האט זיך אנגעשטרענגט אנטקעגען 'חם אבי כנען' וואס ער איז געשטרויכלט געווארען מיט זעהן א געמיינע זאך - וואס דאס האט פאסירט דורך כנען וואס האט דאס געזעהן און פארציילט פאר זיין טאטע (עי' רש"י נח ט, כב), דאס איז די באדייט פונדעם וואס ס'שטייט 'והכנעני אז בארץ', די בחינה פון כנען וואס ער איז געווען עבד עבדים - א עבד פאר זיינע שלעכטע תאוות, און אנטקעגען דעם האט 'שם' געקריגען די באלוין אז זיינע קינדער האבען זוכה געווען צו א טלית של מצוה, ציצית איז 'כבלא דעבדא' (עי' מנחות מג: ותוס' שם ד"ה חותם), דאס דערמאנט אז דו ביזט א קנעכט פאר'ן רבונו של עולם. און בשעת ווען 'כנען' איז געגאנגען און ער האט שוואך געמאכט די קדושה אין די קינדער פון 'שם', האט מען

געדארפען האבען די כוח פון אברהם אבינו ע"ה, צו מערען און גרעסער מאכען די גרעניצען פון די קדושה.

**ס'שטייט** אנהייב פרשה (יב, א) 'לך לך מארצך', דער שפת אמת (לקוטים ד"ה מארצך) איז מדייק אז לכאורה וואלט געדארפען שטיין מארץ חרן, וואס מיינט דער תורה ווען זי שרייבט 'מארצך', דאס איז דאך נישט געווען זיין עיקר פלאץ. נאר 'ארץ ישראל' איז דער לאנד פון אברהם אבינו עליו השלום. און ער געבט צו פארשטיין אז פונדעסטוועגען שטייט מארצך, ווייל כל זמן וואס אברהם אבינו איז דארט געווען, איז ער געווען דער עיקר פון דער ארט, און דער גאנצע לאנד איז געווען בטל צו איהם, און אזוי וויא ס'שטייט אין חז"ל (ב"ר סח, ו) כשהצדיק בעיר הוא הודה זיוה והדרה, און דער פלאץ איז א טפל צו איהם, און ס'ווערט אנגערופען זיין לאנד - ארצך.

**אבער** מ'קען אפשר טייטשען אויף אן אנדער'ן אופן, אז אין יעדער ארט וואס א מענטש איז דארט בייגעשטאנען אין א נסיון און ער האט זיך מתגבר אויף זיין יצר, ווערט דער פלאץ אויפגעשיינט פון זיין התגברות - 'תאיר ארץ מכבודך', און עס ווערט איבערגעדרייט און עס ווערט זיין לאנד - ארצו, ווייל חז"ל זאגען (ב"ר ה, ח) אז דאס טייטש פון 'ארץ' - רצון איז אז זי האט געוואלט טוהן רצון קונה, רעכטיג אז פון איין זייט איז דאס לאנד א גשמיות'דיגע לאנד, ס'איז ערד - אדמה - מיט א כוח וואס ציהט צו חומריות, אבער פון די צווייטע זייט, דווקא דא אין די גשמיות'דיגע לאנד האט דער מענטש די געלעגנהייט זיך אויפצוהייבען און נענטער ווערען צו אייבערשטען, און דער וואס שטייט ביי אין א נסיון, טוהט דאס פלאץ שיינען, און עס ווערט זיין לאנד - 'ארצו', ווייל דורכדעם וואס ער האט זיך מתגבר געווען אויפ'ן נסיון, ווערט דאס איבער געדרייט פון 'אדמה' און עס ווערט א 'ארץ' וואס טוהט רצון קונה, ווייל מיט זיינע מעשים האט ער אנטפלעקט דעם אינערליכ'ן צוועק און דאס אמת'קייט פונעם 'ארץ' - וואס האט געוואלט טוהן רצון קונה. און אור כשדים איז דאך געווען דער פלאץ וואס דארט איז אברהם אבינו ע"ה אויספראבירט געווארען מיט'ן ערשטען נסיון און ער איז דאס בייגעשטאנען, און דעריבער ווערט דאס געווענליך אנגערופען 'ארצך'.

**און** אט שטייט אין פסוק (טו, ה) 'ויוצא אתו החוצה ויאמר הבט נא השמימה וספור הכוכבים אם תוכל לספור אתם ויאמר לו כה יהיה זרעך', טייטשט רש"י אין נאמען פון חז"ל 'הוציאו מחללו של עולם והגביהו למעלה מן הכוכבים', ואמר לו 'כה יהיה זרעך'. זאגט דער שפת אמת

אז דער באדייט דערפון איז, אז אזוי וויא דער אייבערשטער האט אויפגעהויבען אברהם אבינו למעלה מהטבע, ׳כה יהיה זרעך׳ - אזוי וועלען אלע אידישע קינדער האבען דעם כוח זיך אויפצוהייבען און דערהויבען ווערען פון איבער די ׳טבע׳ פונעם וועלט (עי׳ תרנ״א ד״ה במדרש הא׳, תרנ״ג ד״ה בפסוק הא׳, תרנ״ו ד״ה במדרש, תרס״א ד״ה בפסוק הא׳).

**און** מיר דארפען זיך פארטיפען אינעם לשון חז״ל ׳הוציאו מחללו של עולם׳, חלל מיינט פוסטקייט - א ליידיגער און א לערער זאך, ווייל דאס וועלט מיט אלעס וואס עס פארמאגט, און מיט איהר אלע פארשריטלעכע זאכען כביכול, מיט דעם גאנצען טעכנילוגיע, און מיט איהר אלע מעלות, איז נישט מער וויא ׳חללו׳ של עולם, א פוסטקייט, א ליידיגער און א לערער זאך. אבער די אידישע קינדער זענען למעלה מחללו של עולם, ס׳ליגט ביי זיי אין דער הענט דאס כוח נישט איינגעזינקען צו ווערען אינעם הבלי העולם, נאר גאר פארקערט - זיך צו דערהייבען און זיך אויפהייבען איבער׳ן טבע.

**און** מען דארף גוט געדענקען ׳תאיר ארץ מכבודך׳, יעדער מאהל וואס מען שטייט ביי אין א נסיון און מען איז זיך מתגבר אויפ׳ן יצר, דעמאלט האט די ׳ארץ׳ א אמת׳ע חשיבות, ווייל דאס פלאץ שיינט פון יעדער התגברות אין וואס פאר א נסיון עס זאל נאר זיין, און די אידישע קינדער האבען די כוח צו דערלייכטען דאס פלאץ און אויפהייבען די ארציות, און זיך צו דערהייבען פון איבער דער טבע.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען מיר זאל׳ן שטענדיג זוכה זיין צו מאכען נחת רוח פאר׳ן אייבערשטען, ביישטיין אין אלע נסיונות, און זיך צו דערהייבען אין עבודת ה׳.